NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02291

DER KINDER STRAYK

Noach Mishkowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע יוגנט ביבליאָטעק

נויעך מישקאָווסקי

דער קינדער סטרייק

קינדער קאָמעדיע אין צווי אַקטן

פאַרלאַג
מ. צעשינסקי
שיקאַגאָ, איל.

אַנטיילנעמער

דערוואַקסענע:

פֿאָטער
מוטער

זייערע קינדער:

סאָניע, 12 יאָר
בערטע, 12 יאָר
כאַים, 11 יאָר
רייזעלע, 10 יאָר
מאָשקע, 9 יאָר
כאַיעלע, 8 יאָר
בעני, 7 יאָר

כאַוויירים און כאַווערטעס:

דאָווידל, 12 יאָר
שולאַמיס, 13 יאָר
טאַמאַרע, 12 **יאָר**
וועלוול, 12 יאָר
סאָרעלע, 11 **יאָר**
קליין אינגעלע, 6 יאָר

ערשטער אַקט

קינדער צימער מיט צוויי טירן און צוויי פענצטער. אין צימער — אַ סאָפקע, אַ בעט, אַ קאַסטן, אַ גרויסער טיש, אַסאַך שטולן, און אַלמער.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זיצן אַלע קינדער אַרום טיש. אויבנאָן זיצט די עלטסטע — סאָניע.

סאָניע: די עלטערן זיינען ניטאָ אין דערהיים. קינדער, איך האָב אייך אַלעמען צונויפגערופן, קעדיי מיר זאָלן אַלע צוזאַמען אויסזוכן אַ מיטל, ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון דעם דרוק פון אונדזערע עלטערן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר טאָרן ניט אַפילע אַ פּיפּס טאָן, אַז מיר טאָרן ניט אַרומגיין פון הינטערן שוועל, אַז מיר טאָרן אַפילע ניט האָבן קיין מיינונג. אַזוי אָנגיין ווייטער קענען מיר ניט. מיר מוזן זיי לאָזן וויסן, אַז מיר זיינען מענטשן גלייך מיט אַנדערע און מיר ווילן זיין פרייע מענטשן.

אַלע: מיר ווילן זיין פרייע מענטשן ! ! !

סאָניע: נו, קינדער, וואָס שווייגט איר? בערטע, וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן דעם?

בערטע: איך וויים? נעכטן האָב איך זיך פאַררעדט מיט מיינע כאַווערטעס, האָב איך פאַרשפּעטיקט צו וועטשערע, האָט מיר די מאַמע פאַר אַלעמען פאַר די אויגן געשלאָגן.

רייזעלע: און מיר האָט היינט אין דער פרי די מאַמע פאַרמאַסערט פאַרן טאַטן, פאַרוואָס איך האָב דאָס קליידל נעכטן צעריסן. נו, האָט ער מיר געגעבן פעטש, אַז די באַקן פייערן מיר נאָך איצט אויך.

בעני: אייערנעכטן בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַ פּלויט, געוואָלט אָנרייסן עפּל. האָב איך מיטאַמאָל דערזען דעם וועכטער. האָב איך געוואָלט אַראָפּ פונם פּלויט און אַנטלויפן, האָבן זיך מיינע הויזן פאַרטשעפּעט אָן אַ ברעט און איך בין געבליבן

הענגען אַט אַזוי: מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף. האָבן זיך מיינע נייע הויזן צעריסן. אַז איך בין געקומען אַהיים מיט צעריסענע הויזן, האָבן זיי זיך ניט געשעמט, מיך אַוועקגעלייגט אויפן סאָפע און אַריינגעצימבלט אַזוי, אַז איך קען נאָך איצט ניט זיצן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

מאָשקע: און מיך שלאָגן זיי פאַרוואָס איך מאַך ניט די לעקציעס. וואָס בין איך שולדיק אַז איך ווייס די לעקציעס ניט מאַכנדיק זיי? . . .

רייזעלע: און איך האָב געשריבן אַ צעטעלע צו בערלען, ער זאָל ניט אויסשטעלן מיר אַ צונג און ניט מאַכן מיר אַ נאָז, ווען איך גיי פאַרביי זיין הויז. האָבן זיי דאָס צעטעלע באַ מיר אַרויסגעכאַפּט און מיר האָבן זיי אויסגעפּאַטשט.

כאַיעלע: דו זאָגסט צעטעלעך. לעצטע וואָך האָב איך געקראָגן אַ צעטעלע פון אַווּרעמלען, האָב איך שוין געכאַפּט פון זיי איינמאָל אַ פאַרציע און פון דאַן אָן, ווי נאָר עפּעס, זאָגן זיי: „אַווּרעמל וויל דיך זען, אַווּרעמל לאָזט דיר גריסן"...

פאָניע: נו, צו וואָס דערציילט איר דאָס? צי דען ווייסן מיר ניט ווי זיי באַגייען זיך מיט די קינדער? אָט טאַקע צוליב דעם האָב איך אייך אַלעמען גערופן: מיר זאָלן געפינען אַ מיטל ווי אַזוי אַרום אָפּצוגעוואוינען זיי פון שלאָגן און באַליידיקן אונדז. וואָס איז אייער אייצע, קינדער?

כאַים: דאָס הייסט דאָך באַ אַרבעטער אַ פּראָטעסט פאַר־זאַמלונג.

פאָניע: ניין, דאָס איז אַ באַראַטונג פון קינדער, וועל־כע ווילן מער ניט זיין קיין שקלאַפן.

בערטע: איך דענק, אַז מיר וואָלטן אויף אַ צייט גע־דאַרפט אַוועק פון דערהיים.

כאַיעלע: וואוהין וועלן מיר גיין?

בערטע: כאָטש אין וואַלד. ס'איז שוין גענוג וואַרים. די זון שיינט. דאָרט איז איצט גרין און אַנגענעם.

בענני: דאָרט וועט ניט זיין וואָס צו עסן.

(נעמט אַרויס פון קעשענע אַן עפּל און עסט).

רייזעלע: איך האָב מוירע פאַרן וואַלד. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָרט זיינען פאַראַן וועלף און אַפּילע בערן אויך.

מאָשקע: איך דענק, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט אַוועקפאָרן צו דער מומע דוואוירקען צו גאַסט און מער אַהיים ניט קומען.

כאַים: און די מומע וועט גלייך אָנזאָגן, אַז די טייערע מעציע האָט זיך אָפּגעזוכט און זיי וועלן קומען צו דוואוירקען און, וואָס וועט דאַמאָלסט זיין, קענט איר זיך גרינג פאָרשטעלן.

בעני: זיי וועלן אונדז רייסן פאַר די אויערן, שנייצן די נעזער מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז זיי וועלן ווערן רויט ווי בוריקעס און וועלן ברענען מיט אַ העלישן פייער.

כאַיעלע: ניין, דאָס איז ניט קיין פּלאַן.

סאָניע: נו, וואָס מיינט איר זאָל געטאָן ווערן?

בערטע: (באַגייסטערט) איך האָב אַ פּלאַן (אַלע קינדער הערן זיך גוט איין) דער פּלאַן באַשטייט אין אויפהערן עסן זייערע עסנס . . .

בעני: (רייסט איבער) וואָס, מיר זאָלן הונגערן? איך ניט! (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ בייגל און עסט).

בערטע: מיר'ן ניט הונגערן. מיט עסנס וועלן אונדז באַזאָרגן אונדזערע כאַווירים און כאַווערטעס. און זאָלן זיי מיינען אַז מיר הונגערן, אַז מיר'ן נאָך קענען שטאַרבן פון הונגער און דאַן וועלן זיי נאָכגעבן און אונדז אויפהערן צו שלאָגן און באַליידיקן.

אַלע: יע, יע, דאָס איז אַ טייערער פּלאַן.

כאַים: איך האָב געלייענט וועגן אַזאַ סאָרט קאַמף. ער הייסט אַ הונגער סטרייק.

אַלע:: זאָלן מיר טאַקע אָנפירן אַ הונגער סטרייק ! ! !

(אימיצער קלאַפּט אין טיר).

סאָניע: (שטיל) ווער קען דאָס זיין? קינדער, זייט שטיל, רואיק. מאַכט זיך, אַז ס'איז גאָרנישט געווען. (הויך) ווער קלאַפּט?

דאָווידל: (פון הינטער דער טיר) דאָס בין איך, דאָווידל.

בערטע: אַבי איך האָב געמיינט, אַז עפּעס אַ מענטש. ס׳מאַכט ניט אויס — ער איז אַן אונדזעריקער.

סאָניע: (צו בעני) בעני, עפן די טיר.

(בעני עפנט אויף און לאָזט אַריין דאָווידלען).

דאָווידל: (באַטראַכט אַלעמען) זעט נאָר — אַלע קינדער. וואָס איז דאָ אַ לעקציע, צי אַ פאַרזאַמלונג?

כאַים: אַ פאַרזאַמלונג און טאַקע אַ קאָנספּיראַטיווע.

סאָניע: (צו כאַימען) מיר האָבן זיך אַלע דאָ פאַרזאַמלט קע־דיי צו פאָדערן פון אונדזערע עלטערן פולקומענע פרייהייט. און מאָשקע שלאָגט פאָר, אַז מיר זאָלן דערקלערן אונדזערע עלטערן אַ הונגער סטרייק. אין דער עמעסן וועלן מיר באַהאַלטענער־הייט קריגן פון די כאַוויירים און כאַווערטעס גענוג צו עסן. אָבער זיי טאָרן פון דעם ניט וויסן. זאָלן זיי מיינען, אַז מיר הונגערן, און מיר׳ן קלוימערשט הונגערן, ביז וואַנען זיי וועלן איינגיין אונדז מער ניט שלאָגן, אונדז מער ניט אונטערדריקן.

דאָווידל: (באַגייסטערט) איך האָב טאַקע געוואוסט, אַז איר זיינט טייערע קעמפער. אַ טייערער געדאַנק! מיך האָט איר דעם ערשטן אויף אייער זייט. און איך וועל אייך ברענגען ברויט און פּוטער, קעז און אייער, אַפילע גריבענקעס, לעבער־לעך און וואָס ניט.

סאָניע: זייער גוט. אַ גרויסן דאַנק. אָבער מיר דאַרפן ווייטער פאַרהאַנדלען וועגן סטרייק. דאָווידל, זעץ זיך! (דאָווידל זעצט זיך).

מאָשקע: אָבער ווי פירט מען דעם סטרייק?

בערטע: מיר׳ן זיין נאָר אין אונדזער צימער. אין זיי־ערע צימערן טאָר קיינער ניט אַריין. דאָ וועלן מיר באַהאַלטן אונדזערע אַלע עסנס. די כאַוויירים און די כאַווערטעס וועלן אַריינקומען דורך יענער טיר — גלייך פון גאַס. די טיר וועט אַלעמאָל זיין פאַרשלאָסן. און אַז מיר׳ן דערהערן טריט פון זייערע צימערן, וועלן מיר אַלץ באַהאַלטן אין בעט און אין קאַסטן.

כאַיעלע: מיר קענען אויך באַהאַלטן דאָ אין אַלמער.

רייזעלע: און אַז אימיצער פון זיי וועט אַריינקומען, וועלן מיר מאַכן זויערע, אויסגעהונגערטע פּנימער.

כאַים: זאָלן זיי מיינען, אַז מיר זיינען פאַרהונגערט.

בעני: אָבער ווי אַזוי אַרום וועלן זיי וויסן, אַז מיר הונגערן, אַז מיר האָבן פאָדערונגען?

כאַים: אימיצער פון די קינדער וועט זיי דאָס איבערגעבן.

בעני: אַ גרויסן דאַנק דיר פאַר דער טויווע. איך גיי ניט. עס פייערט מיר נאָך היינט פון יענע שמיץ, ווילסטו איך זאָל נאָך קריגן פרישע? איך גיי ניט צו זיי.

אַלע: מיר גייען קיינער ניט. מיר האָבן מוירע.

מאָשקע: ווייסט איר וואָס? דאָווידל וועט גיין. אַ פרעמד קינד וועלן זיי ניט באַשטראָפן. ער איז אַ אינגל אַ ברען, אַן אונדזעריקער אינגאַנצן.

בערטע: זאָל טאַקע גיין דאָווידל. איאָ, דאָווידל, דו וועסט גיין?

דאָווידל: אַוואַדע וועל איך גיין. וואָס דען, ניט?

בעני: (באַגייסטערט) אָט דאָווידל איז אַ טייערער יאַט.

רייזעלע: אָבער וואָס וועלן מיר זיי לאָזן וויסן?

סאָניע: מיר'ן זיי אָנשרייבן אַ בריוו, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו הונגערן און אין דעם בריוו וועלן זיין די פאָדערונגען.

כאַיעלע: און ווער וועט אָנשרייבן דעם בריוו צו זיי?

רייזעלע: מירן אויסקלייבן פאַר דעם אַ קאָמיטעט.

דאָווידל: און דער זעלביקער קאָמיטעט זאָל אויך פירן דעם סטרייק.

כאַיעלע: און ווער וועט זיין אין קאָמיטעט?

רייזעלע: פאַרשטייט זיך, די עלטערע קינדער: סאָניע, בערטע און כאַים.

מאָשקע: זיי האָבן זיך שוין אַרויפגעאַרבעט.

כאַיעלע: אָבער דער קאָמיטעט דאַרף שרייבן אין בריוו, אַז זיי זאָלן אונדז מער ניט קנייפּן.

בעני: אַז זיי זאָלן מער ניט שמייסן. האָסטו געזען

אַזוינס — ווי נאָר עפּעס, שמייסן זיי.

פאַניע: מיר'ן זיי אַלץ אָנשרייבן. הייסט עס, איר זיינט אַלע איינשטימיק, אַז אין קאָמיטעט זאָלן אַריין בערטע, כאַים און איך.

אַלע: יע, יע, מיר זיינען איינשטימיק.

בערטע: מיר'ן בעסער אָנשרייבן דעם בריוו אין אַ צווייטן צימער. זיי זיינען סיי ווי סיי ניטאָ. דאָ איז צו טומל־דיק.

כאַים: דאָס איז ניט קיין בריוו, דאָס איז אַ רעזאָלוציע מיט פאָדערונגען.

בערטע: זאָל זיין אַ רעזאָלוציע. נאָר מיר'ן דאָס אָנ־שרייבן אין אַ צווייטן צימער.

פאַניע און כאַים: נו, גוט. לאָמיר גיין שרייבן. (אַלע דריי גייען אַרויס).

בעני: (קוליעט זיך איבער) אַז מיר'ן אויספירן, וועל איך קענען שלעפּן געפּילטע קישקע פון טאָפּ און הייסע לאַטקעס פון פאַן, אז איך וועל עסן אַזש . . . (גלעט זיך איבערן בייכל און באַלעקט זיך מיטן צונג)

דאָווידל: און איך וועל קומען צו אייך צו גאַסט ווען נאָר איך וועל וועלן.

מאָשקע: און איך וועל ניט מאַכן מיינע לעקציעס און סוועט זיין כאַי געלעבט.

ריי זעלע: און איך וועל קענען אַלע טאָג אָנטאָן מיין נייע קליידל.

כאַיעלע: און איך וועל נעמען אַ ציימונג און אַ בוך אונטערן אָרעם און וועל גיין מיט מיינע כאַווערטעס שפּאַצירן ווייט ווייט איבער פעלדער און וועלדער.

בעני: און איך וועל גוט אָפּעסן און וועל פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס און וועל בלאָזן ווי דער טאַטע: פּופ פּופ . . .

דאָווידל: (מיט באַגייסטערונג) האַלוואַי וואָלטן אַלע קינדער פון דער וועלט געטאָן דאָס זעלביקע וואָס איר אין אַלע זאָלן די סטרייקס געווינען, וואָלט דאָן געווען גאָר אַן אַנדער וועלט, אַ

וועלט פון פרייע גליקלעכע קינדער.

מאַשקע: מיר איז אַזוי פריילעך. ווייסט איר וואָס? לאָמיר זינגען „טאַטעס-מאַמעס״!

באַיעלע: גייט עס. אָבער ווער וועט אָנהויבן?

מאַשקע: רייזעלע וועט אָנהויבן. זי זינגט גוט.

דאָווידל: רייזעלע, דו וועסט אָנהויבן?

רייזעלע: אַוואַדע.

(אַלע קינדער זעצן זיך אויפן טיש אין אַ פּיראַמידן גרופּע אין פאַרשיידענע פּאָזעס. רייזעלע הויבט אָן צו זינגען און אַלע קינדער העלפן איר אַרויס).

טאַטעס מאַמעס, קינדערלעך,
בויען באַריקאַדן,
און אין גאַסן גייען אום
אַרבעטער אַטריאַדן.

ס'איז דער טאַטע היינט אַוועק
פרי פון דער פאַבריק,
נאָר די קינדער פרעגן ניט
ווען ער קומט צוריק.

ס'איז די מאַמע אויך אַוועק
אין גאַס פאַרקויפן עפּל,
און אין קיך פאַרזאָסעמט שטייט
ס'פּענדל מיטן טעפּל.

— ס'וועט היינט ניט זיין קיין וועטשערע, —
זאָגט פאַניע צו די יאַטן,
— ווייל די מאַמע איז אַוועק
מיטהעלפן דעם טאַטן.

טאַטעס מאַמעס, קינדערלעך,
בויען באַריקאַדן
און אין גאַסן גייען אום
אַרבעטער אַטריאַדן.

(סאָניע, בערטע און כאַים קומען אַריין).

סאָניע: (מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט) זע נאָר ווי זיי האָבן זיך צעזונגען. אַראָפּ פונם טיש! צעזעצט זיך און זייט רואיק און איך וועל אייך דורכלייענען די רעזאָלוציע מיט די פאָדערונ־גען. (נעמט פאַרנאַנדער אַ פּאַפּיר און לייענט:) מיר, אייערע קינדער, פאַרזאַמלט היינט, דעם 29טן אַפּריל, ווילן ניט אַז איר זאָלט אונדז ווייטער אַזוי אונטערדריקן און באַליידיקן ווי ביז איצט, און קעדיי אויספירן דאָס, האָבן מיר באַשלאָסן צו דערקלערן אייך, אונדזערע עלטערן, אַ הונגער סטרייק. מירן זיך ניט צורירן צו אייערע עסנס, ביז וואַנען איר וועט ניט נאָכגעבן אונדזערע פאָדערונגען, וועלכע זיינען:

א) די ניט באַרירבאַרקייט פון אַלע טיילן פון אונדזער קערפּער. איר טאָרט ניט שלאָגן, קנייפּן, שמייסן.
ב) מיר מעגן זיך כאַווערן מיט וועמען מיר ווילן.
ג) מיר מעגן גיין וואוהין מיר ווילן.
ד) מיר מעגן לייענען, שרייבן אַלץ וואָס אונדז געפעלט.

איר טאָרט ניט קאָנטראָלירן אונדזערע צעטעלעך.

אַלע: אַי, גוט. האַלוואַי וואָלט דאָס עמעס געוועןָ. האַל־וואַי וואָלט דאָס עמעס געוועןָ.

בעני: אַ טייערער פונקט דאָס ניט באַרירקייט פון אונדז־ערע קערפּערס.

כאַיעלע: און וואָס פעלט דער פונקט: מיר מעגן זיך כאַווערן מיט וועמען מיר ווילן?

רייזעלע: און וואָס זאָגט איר אויף ניט קאָנטראָלירן אונדזערע צעטעלעך?

סאָניע: ס'איז נאָך ווייניק וואָס איר זיינט אַלע צופרידן. מיר מוזן שווערן, אַז מיר'ן אַלע ערלעך פירן דעם סטרייק.

(אַלע שטעלן זיך אויף און זינגען די יוגנט שעוואוע):

בלאָנדזשעט מער ניט אין דער פינצטער,
וואַנדערט מער ניט אין דער נאַכט,
פריי און מוטיק פאָרווערטס, ברידער,
ליכט און וויסן איז דיין מאַכט.

עס וועט אַ העלע זון אויפשיינען
און באַשטראַלן גלייך די ערד,
נאָר ביז דאַן זייט מוטיק, ברידער,
ניט פאַרלאָז פון האַנט דיין שווערד!

מעג דער וועג זיין פול מיט שטיינער,
ניט שרעקט זיך, ברידער, האָט נאָר מוט,
פאַר דער פרייהייט מוז מען קעמפן
ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

(געענדיקט זינגען. אַלע זעצן זיך אַוועק).

(עס הערט זיך ווי מען איז אַריין אין שטוב).

כאַים: איר זעט, זיי זיינען געקומען אין דער ריכטיקער צייט. איצט דאַרף מען זיי אריינשיקן די רעזאָלוציעס.

סאָניע: (צו דאָווידן) אָט האָסטו די רעזאָלוציעס. גיב דאָס זיי איבער.

דאָווידל: (נעמט די רעזאָלוציעס, מיט אַ געמאַכטן טאָן) איר האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע און איר ווילט, אַז איך זאָל זי אויס-זשלאָקען.

בעני: (כאַפּט דאָווידלען אונטערן האַנט, באַגלייט אים ביזן טיר וועלכע ער עפנט ברייט פאַרנאַנדער און שטופּט אים מיט אַ הינטערקלעצל אַרויס) זיי אַ יאַט און האָב ניט מוירע!

בערטע: דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז מיר וועלן ניט גוט אָפּשניידן. עס מאָלן זיך מיר פאַרשיידענע בילדער ווי די על-טערן באַשטראָפן אונדז פאַר אונדזער כוצפע.

בעני: אַ גרויסע זאַך — גלייך ווי זיי גייען אַריין — איך טוץ דורכן פענצטער.

מאַשקע: און איך וועל זיך באַהאַלטן אין אַלמער.

כאַיעלע: און איך וועל זיך באַהאַלטן אונטערן בעט.

רייזעלע: האָט ניט קיין מוירע. זיי וועלן אונדז אַלעמען ניט שלאָגן. לאָמיר נאָר זיין צוזאַמען — אַלע ווי איינער!

כאַיעלע: גראָד דאַרף זיך מאַכן, אַז מיר זאָלן זיך היינט פאַרזינדיקן. די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט היינט נעמען אין טעאַטער.

כאַים: איצט ליגן איר אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן. טעאַטער — טריאַטער. איצט איז מילכאָמע צייט. איך האָב געלייענט אַ ביכל וועגן סטרייקס. שטייט דאָרט שוואַרץ אויף ווייס, אַז אַ סטרייק איז אַ מילכאָמע. איצט דאַרפן מיר זאָרגן נאָר וועגן איין זאַך: ווי צו געווינען דעם סטרייק.

(עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ און דערנאָך טריט).

סאָניע: שאַ, אימיצער גייט.

(עס קומט אַריין דאָווידל)

אַלע: נו, וואָס האָבן זיי געזאָגט?!

דאָווידל: זיי האָבן געזאָגט: „זאָלן זיי הונגערן — זיי וועלן בעסער ווערן!"

סאָניע: (אויפגערעגט) זיי גיבן ניט נאָך מיט גוטן, וועלן זיי שפּעטער נאָכגעבן מיט בייזן. איך דערקלער, אַז דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן! פון איצט אָן טאָרן מיר זיך ניט צורירן צו זייערע עסנס ביז וואַנען זיי וועלן ניט נאָכגעבן אַלע אונדזערע פאָדערונגען!

בעני: (כאַפּט אַרויס אַ וואורשטל מיט אַ שטיקל ברויט, טאַנצט אויף אַ שטול) אָ, יע, דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן!

סאָניע: געדענקט, איר האָט אַלע געשוואוירן צו בלייבן געטריי דעם סטרייק!

אַלע: מיר שווערן!

(שטעלן זיך אויף און זינגען די שוואוע).

פאָרהאַנג פאַלט

צווייטער אַקט

פון ערשטן ביזן צווייטן אַקט דויערט צוויי טעג. דער זעל־
ביקער צימער אין וועלכן עס זיינען דאָ סאָניע, בערטע, כאַים
און כאַיעלע. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זינגען די
קינדער ניט הויך:

הער! וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער זשע זייט איר דאָרטן, צוויי?
איר פאַרשייטע, איר פאַרשמייטע,
ווער זשע זייט איר דאָרטן, צוויי?

— מיר זיינען פון דעם מאָרגן, זיינען מיר,
צו אַ מאָרגן אָן אַ זאָרגן גייען מיר,
איבער וועגן, איבער שטעגן שוועבן מיר,
איבער ווייטע גרינע פעלדער,
איבער יאַמען, איבער וועלדער שאַלן מיר:
„קינדער פון דעם מאָרגן זיינען מיר!"

הער! וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער זשע זייט איר דאָרטן, צוויי?
היצן, היצן, פייער שפּריצן,
ווער זשע זייט איר דאָרטן, צוויי?

— מיר קומען פון דעם שמידער, קומען מיר,
און מיר פליען פון קאָוואַדלע, פליען מיר,
היצן, היצן, פייער שפּריצן זיינען מיר,
דאָרטן שמידן מיר דעם מאָרגן,
אָן אַ קאַרגן, אָן אַ זאָרגן שמידן מיר,
קינדער פון דעם מאָרגן זיינען מיר!

העי! וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער זשע זייט איר דאָרטן צוויי?
זינגער, זינגער, גלאָקן קלינגער,
ווער זשע זייט איר דאָרטן, צוויי?

מיר רופן אין די גאַסן, רופן מיר,
אין די גאַסן שטיפן, שפּאַסן, וועקן מיר,
זינגער, זינגער, גלאָקנקלינגער זיינען מיר,
אין די גערטנער צווישן ביימן
בראָדזשען מיר און זוכן קוויטן, זוכן מיר, —
קינדער פון דעם מאָרגן זיינען מיר!

(אָפּגעזונגען. אימיצער קלאַפּט אין טיר).

בערטע: ווער איז דאָרט?

דאָווידל: (פון הינטער דער טיר) דאָס בין איך, דאָווידל.

כאַים: (עפנט די טיר, ווייל אים בעבן די האַנט, ערשט דאָווידלס ביידע הענט זיינען פאַרנומען: ער האַלט מיט זיי צו עפּעס אונטער די פּאָלעס).

דאָווידל: אַ גוט מאָרגן אייך, מיינע טייערע סטרייקער! אַט האָב איך אייך געבראַכט עסן און אויך אַ פאָן מיטן אויפשריפט: „ברויט און פרייהייט". (לייגט עס אויפן טיש).

(מ'קלאַפּט ווידער אין טיר).

כאַיעלע: ווער איז דאָרט?

סאָרעלע: (פון הינטער דער טיר) דאָס בין איך, סאָרעלע.

סאָניע: קום אַריין. (סאָרעלע קומט אריין).

סאָרעלע: (דערלאַנגענדיק אַ פּעקל מיט עסנווארג) נאַט, כאַווירים, און הונגערט ניט. און דאָס האָב איך פאַר אייך געמאַכט אַ פאָן. (שרייט אויס:) מיר פאָדערן גלייכע רעכט! אויף דעם האָב איך אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט. נו, ווי איז ער אַרויס?

כאַים: וואונדערבאַר שיין. אַ גרויסן דאַנק אין נאָמען פון אַלע סטרייקער.

(מ'קלאַפּט ווידער אין טיר)

דאָווידל: (עפֿנט די טיר און לאָזט אַריין מיריאַמען) **אַט איז אַ גאַסט!**

מיריאַם: אַט האָב איך אייך געבראַכט גוטע זאַכן צו דערהאַלטן די נעשאָמע און זעט מיין פאָן: (הויבט אים אויף אין דער הויך און שרייט אויס) **מיר זיינען די בויער פון אַ געראַכ־טער צוקונפט!**

פאַניע: דיינע מייכאָלים זיינען גוט, אָבער דיין פאָן איז טויזנטער מאָל בעסער!

(מ'קלאַפּט ווידער).

בערטע: ווער איז דאָרט?

טאַמאַרע: (פון צווייטן זייט טיר) דאָס בין איך, טאַמאַרע. (בערטע לאָזט זי אַריין) נו, קינדער, וואָס הערט זיך נייעס? זיי האָבן נאָך ניט נאָכגעגעבן?

פאַניע: עס גייט שוין אויף אַ וועג. זיי האָבן שוין גע־שיקט צו אונדז אַ פּאָר פאַרטרעטער. נעכטן אין אָוונט איז די מאַמע אַליין געווען.

טאַמאַרע: נו?!

פאַניע: האָבן מיר זיי געזאָגט: מיר ווילן אַז **ער אַליין** זאָל קומען און מיט אונדז פאַרהאַנדלען.

טאַמאַרע: אַוואַדע דאַרף זיין אַזוי. דייגעט ניט, קינ־דער, מיר'ן געווינען דעם סטרייק.

שולאַמיס: (קומט אַריין מיט אַ קריגעלע אין איין האַנט און מיט אַ פאָן אין דער צווייטער האַנט) איך האָב געהערט אין שטאָט, אַז זיי גיבן שוין נאָך אַלע אייערע פאָדערונגען. וואָס רעדט איר, עס קאָכט אין שטאָט מיט אייער סטרייק. (קוקט זיך אַרום) וואו איז בעני? איך האָב דאָך געבראַכט פאַר אים איינגעמאַכץ. זע נאָר, און וואו איז מאָשקע און וואו איז רייזעלע?

בערטע: זיי זיינען אויפן הויף. זיי"ן באַלד אַריינקומען.

טאַמאַרע: זע נאָר, גאָר פאַרגעסן צו ווייזן אייך דעם פאָן. (הויבט אויף דעם פאָן און לייענט) **אַרונטער די הענט פון אונדז!**

כאַים: דער פאָן איז אויסגעצייכנט.

(מ׳קלאַפּט ווידער אין טיר)

כאַים: (עפנט די טיר, לאָזט אַריין וועלוולען) גוט, וועלוול, וואָס דו ביזט געקומען. זעט, אַלע אונדזעריקע זיינען דאָ.

וועלוול: איך האָב דריי כאַדאָשים געקליבן געלט. אָנ־געקליבן צווייַ דאַלער מיט דרייסיק סענט. האָב איך געטראַכט — צו וואָס דאַרף איך דאָס געלט? איז ניט גלייכער אויסגעבן דאָס פאַר די סטרייקער? האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן. און נאַט אייך וואָס איך האָב איינגעקויפט. (נעמט אַרויס פון זעקל פאַרשיידענע עסנס). און ווי געפעלט אייך מיין פּאָן? (שרייט אויס:) **אַלץ פאַר די סטרייקער!**

אלע קינדער: (פּאַטשן און שרייען אויס) הוררראַ פאַר וועלוועלען!

(מען קלאַפּט. עס קומט אַריין אַ קליינער 6-5 יאָריקער אינגעלע מיט אַ גרויסן בעקל מיט עסן און טראָגנדיק אין האַנט אַ גרויסן פּאָן מיטן אויפשריפט: **„עסן און שפּיל"**. אָן ווערטער גיט ער דאָס אַלץ איבער־בערטע, מיט אַ שמייכל, זעצט אים אַוועק)

(רייזעלע און מאַשקע פירן אַריין בעניון, וועלכן זיי האַלטן פעסט פאַר די הענט. בעני איז פאַרשעמט, זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזן).

מאָשקע: אָט האָבן מיר אים געבראַכט. מיר האָבן אים געפּאַקט באַ אַ מיעסן פאַרברעכן.

אַלע:.... וואָס?!

רייזעלע: יע, מיר האָבן אים געפּאַקט ביי אונדזער סוינע אין קיך גאַנווענענדיק געפילטע קישקע פון צימעס. ער האָט אונדזער סטרייק געקענט פאַרראַטן. אָט דער מיעסער פאַר־רעטער.

בעני: לאָזט מיר אָפּ די הענט, איך וועל סיי ווי ניט אַנטלויפן.

(זיי לאָזן אים אָפּ).

סאָניע: בעני, וואָס האָסטו געטאָן?!

בעני: נו, וואָס האָב איך געקענט טאָן? אַדעראַבע, זאָגט אַליין. דער רזיעך פון צימעס און פון דער געשמאַקער קישקע האָט מיר אַזוי פאַרכאַפּט דעם אָטעם, אַז איך האָב

זיך נים געקענט איינהאלטן און איך האב געמוזט די קישקע ארויסשלעפן.

בערטע: האט אימיצער פון זיי געזען?

בעני: ניין, קיינער נים. דער טאטע איז נאך ביי דער ארבעט און די מאמע קלייבט צו די שטוב. איך האב עס געמאכט אזוי גיך, אז קיינער וואלט סיי ווי סיי נים באמערקט. איך האב עס געמאכט אט אזוי (ווייזט ווי).

(אלע קינדער מאכן: בו בו!...)

כאים: מען קען דאך פון דיר נים אויסהאלטן, דו פרעסער איינער, דו זויפער איינער!...

מאשקע: שעמען מעגסטו זיך!... מיר האבן דאך צוליב דיר געקענט דעם גאנצן סטרייק פארלירן.

כאים: ביי עמעסע ארבעטער רופט מען אזעלכן א סטרייק ברעכער.

בעני: ווי איר זעט מיך א אידן — איך וועל דאס מער נים טאן.

כאיעלע: איך שלאג פאר, אז פון איצט אן און ביזן סאף פון סטרייק זאל מען אים נים ארויסלאזן פון צימער. ער זאל זיין ארעסטירט.

סאניע: סיידן אין נויטיקע פאלן זאל מען אים ארויסלאזן און אויך דאן זאל אימיצער פון אונדז מיטגיין מיט אים.

רייזעלע: האסטו געזען אזוינס?... קנאפ האט ער צו פרעסן ביי אונדז, דארף ער נאך קריבן צום סוינע אין קיך אריין.

מאשקע: איך ווייס א גוטע לידל אויף בענין. דאס לידל הייסט: „בעני נאשער".

רייזעלע: נו, דערלאנג!

מאשקע: (דעקלאמירט)

זיינען זיך ביים טיש געזעסן
שוועסטער, ברידער און געגעסן,
בעני זעצט זיך אויבנאן,
הייבט אן קרייען ווי א האן.

מאַכט ער אַלע קינדער לאַכן,
גיבן זיי אים גוטע זאַכן,
האָקוס פּאָקוס אָט אַזוי
ציינט ער קונצן אַלערליי.

רייזל, רייזל, גיב דיין זעמל,
וועל איך צייגן ווי אַ קעמל
רוקט אַריין די נאָז אָט דאָ
און דער זעמל איז ניטאָ.

מאָשקע, גיב אַהער דיין קוכן,
כוועל אַ שטיקעלע פאַרזוכן,
וועל איך צייגן ווי אַ האָן
פּיקט אַראָפּ דעם גאַנצן מאָן.

כאַיקען ציינט ער ווי אַ פויגל
מיטן שנאָבל פּיקט אַ בייגל:
פּיק, פּיק, פּיק, אַהין, אַהער
און ניטאָ קיין בייגל מער.

זיסע טיי דערלאַנגט אים סאָניע
און ער ווייזט איר ווי אַ פּאָניע
אָט אַזוי און אָט אַזוי
כליאָבעט אוים די גאַנצע טיי.

כאַים האָט אַ בולבע לאַטקע,
בערטע האָט אַ שאָקאָלאַדקע
און מיט קונצן אַלערליי
אַליק נאַרט ער אוים ביי זיי.

קליינוואַרג קייקלט זיך פון לאַכן,
בעני נאַשט די גוטע זאַכן, —

ס'פאַלט זיי גאָרניט איין אין קאָפּ
אַז ער נאַרט זיי אַלע אָפּ.

(אַלע אַפּלאָדירן)

כאַיעלע: אַי, גוט! ווי אָנגעמאָסטן אויף. אונדזער בעני נאַשער.

(ס'הערט זיך ווי ערגעץ עפנט זיך אַ טיר. אויך דערהערן זיך טריט).

סאָניע: איר, כאַווײרים און כאַווערטעס, גייט גלייך אַרוים אָט דורך דער טיר (זיי פאַרלאָזן גיך די שטוב) און איר, סטרייקער, באַהאַלט דאָס עסנוואַרג גיכער אין בעט און אין קאַסטן! (די קינדער טוען עס זייער גיך) און איצט צוזעצט זיך מיט זויערע אומעטיקע פּענימער. (אַלע צוזעצן זיך).

(מ'קלאַפּט אין טיר).

כאַיעלע: איך וואָלט שווערן, אַז דאָס איז די מאַמע.

(עפנט די טיר און לאָזט אַריין די מוטער).

מוטער: נו, קינדער, וואָס וועט זיין? שוין צוויי טעג אַז איר הונגערט. און איר קענט כאָלילע אַזוי אויסגיין פון הונגער. איך בעט אייך, גייט בייסט עפּעס איבער.

סאָניע: מיר האָבן אייך דערקלערט איינמאָל, אַז ביז וואַנען איר וועט ניט נאָכגעבן אַלע אונדזערע פּאָדערונגען, וועלן מיר זיך ניט צורירן צו אייערע עסנס און געטראַנקען, כאָטש מירן אַלע ביז איינעם אויסשטאַרבן.

מוטער: ביי מיר האָט איר שוין געפּויעלט. אָבער דער טאַטע איז איינגעשפּאַרט. זיצט און רעדט ניט אוים קיין וואָרט. ווייסט איר וואָס: גייט און כאַפּט אַ בים און איך וועל שוין ביי אים פּויעלן.

בערטע: (בייז) ביז וואַנען דער טאַטע וועט ניט קומען אַהער און אונדז זאָגן אַז ער גיט נאָך אַלע אונדזערע פּאָדערונ-גען, וועלן מיר זיך ניט צורירן צו אייערע עסנס און געטראַנקען, כאָטש מיר'ן אַלע ביז איינעם אויסגיין פון הונגער.

בעני: (גיט אַ קרעכץ).

כאַיעלע: (ווייזנדיק אויפן בויך) אוי, עס טוט מיר עפּעס

אַזוי ווי אײנעווייניק . . .

מוטער: אוי, ווי איז מיר! די קינדער װעלן נאָך כאָלילע שטאַרבן, אויסגײן פון הונגער. איך גיי שוין צו אים. איכ'ל שוין זען עס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַ סאָף צו דעם מעשוגענעם סטרייק. (קרעכצט) דערלעבט יאָרן. אַז מיט אונדזער הויז זאָל זיין פול די שטאָט, אַז מיר זאָלן ווין אין אַלעמענס מיילער. (קרעכצט און גייט אַרויס).

רייזעלע: נו, קינדער, אַז איך האָב זיך געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער, בין איך געווען שטאַרקער פון אייזן. איך האָב געמיינט אַז איך וועל פּלאַצן.

מאשקע (לאַכט): נו, כאַיעלע, וואָס מאַכט דיין בייכעלע? שטאַרבסט פון הונגער? . . . כאַ כאַ כאַ!

בעני: (עפנט דעם קאַסטן, נעמט אַרויס אַן עפּל און אַ באַר, עסט זיי צוזאַמען) אַזאַ הונגער אויף אַלע סטרייקערס געזאָגט געוואָרן.

סאָניע: קינדער, הערט זיך צו! איצט איז דער וויכטיקסטער מאָמענט אין דער געשיכטע פון אונדזער סטרייק. באַלד קומען זיי ביידע מיט אונדז צו פאַרהאַנדלען. די מאַמע וועט אים שוין ניט אָפּלאָזן. זי וועט אים שוין ברענגען אַהער. איר מוזט זיך אַלע האַלטן ווי גוט אויסגעהונגערטע.

(בעני באַהאַלט דעם עפּל מיטן באַר).

בערטע: איך וועל זיך אויסציען אויפן בעט און מאַכן זיך אַז קוים וואָס איך זשיפּע.

בעני: איך וועל קרעכצן.

מאָשקע: און איך וועל אָנשפּאַרן מיין קאָפּ אָן דער וואַנט און זיך מאַכן, אַז קוים קוים וואָס איך שטיי אויף די פיס.

כאַים: און איך וועל מיט ביידע הענט אונטערהאַלטן דעם קאָפּ.

רייזעלע: און איך וועל זיצן מיט אַ בלייפעדער און פּאַפּיר און וועל מאָלן כאַלעס, זעמעלעך און ברויטלעך.

כאַיעלע: און איך וועל אַרומבינדן מיין קאָפּ מיט אַ נאַסער טוך.

סאָניע: אָבער גיכער, קינדער, באַלד קומען זיי אַריין.

(אַלע טוען אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט. עס קומט אַריין די מוטער, שלעפּט נאָך זיך דעם פאָטער, וועלכער גייט ניט ווילנדיק, אָנגעבלאָזן).

מוטער: האָסטו געזען אַ מענטש? די קינדער גייען אויס פון הונגער און ער איז איינגעאַקשנט. זיי, מיינע טייבעלעך, קוים וואָס זיי האַלטן זיך אויף די פיס, און ער שפּילט פּאָליטיק.

פּאָטער: (גייט צו צו די קינדער, באַטראַכט זיי און עס מאַכט אויף אים אַן איינדרוק. זעצט זיך אַוועק.) הייסט עס די אייער ווילן לערנען די הינער. איך טאָר גאָרנישט, איר מעגט אַלץ. וואָס הייסט עס, — איך בין שוין ניטאָ? . . . אַ טאַטע איז קיין טאַטע ניט . . . (קרעכצט) דערלעבט צייטן . . . זאָגט מיר נאָר איין זאַך: צי לעב איך נאָך? און אויב איך לעב נאָך, איז וואָס בין איך, אַ טאַטע צי ניט?

בערטע: דו ביזט אַ טאַטע, דו לעבסט און וועסט לאַנג לעבן.

פּאָטער: וואָס פאַר אַ טאַטע בין איך, אַז איך טאָר גאָרנישט זאָגן, גאָרנישט ווייזן, לערנען? . . .

בערטע: ווער זאָגט עס? דו מעגסט אַלץ. אָבער ניט שלאָגן אונדז, ניט באַליידיקן, ניט דערנידעריקן אונדז.

מוטער: אויב אַזוי איז צו וואָס איז געווען די גאַנצע קריג, דער משוגענער סטרייק אייערער?

בעני: (גיט אַ קרעכץ).

כאַים: וואָס איז דאָ צו ריידן? מיר האָבן דאָך פּאָדע־רונגען. דער טאַטע און די מאַמע זיינען דאָ און די קינדער זיי־נען אויך דאָ, וועלן מיר איצט פאַרהאַנדלען.

מאָשקע: (גיט אַ פאַל אויפן דיל. טאַטע מאַמע לויפן צו צו מאָשקען, נעמען אים אויף די הענט און לייגן אים אויפן בעט. בערטע לאָזט פאַר אים אָפּ די בעט).

מוטער: (טראָגנדיק מאָשקען) אוי, וויי איז מיר. נו, און איצטער וועסטו נאָך אַלץ זיין איינגעשפּאַרט? זיי גייען דאָך נעבעך אויס פון הונגער.

פּאָטער: (אַוועקזעצנדיק זיך) נו, קינדער, וואָס ווילט איר?

פאַניע: די ערשטע פאָדערונג איז, די ניט באַרויבאַרקייט

פון אַלע טיילן פון אונדזער קערפּער.

בעני: (מיט אַ קרעכץ) ניט שמייסן. האָסטו געהערט, ווי נאָר עפּעס, שמייסן זיי.

פאָטער: און אַז מען גיט אַמאָל אַ פּעטשל...

בערטע: וועלן מיר פירן ווייטער דעם סטרייק ביז וואַנען איר וועט זיך מער ניט פּאַטשן.

בעני: (גיט ווידער אַ קרעכץ).

פאָטער: נו, גוט. איך וועל זיך מער צו אייך ניט צורירן.

כאַים: און וואָס זאָגסטו, מאַמע?

מוטער: איך וועל אייך מער ניט קנייפּן.

פאַניע: די צווייטע פאָדערונג איז, מיר מעגן זיך באַווערן מיט וועמען מיר ווילן.

פאָטער: אַפילו מיט דעם קרומען שלוימקען? אָט דעם שמידס זשוליקל?

כאַים: אַפילו מיט אים. וואָס איז ער קיין מענטש ניט? ער איז אַ מענטש גלייך ווי אַלע אַנדערע.

רייזעלע: (ווייזנדיק אויפן בויך) אוי, עס טוט מיר אַזוי ווייַ עפּעס אינעווייניק . . .

כאַים: נו, איר גיט נאָך?

טאַטע־מאַמע: יע.

פאַניע: איצט די דריטע פאָדערונג. מיר מעגן גיין אויף פאַרזאַמלונגען, פּאַרטים, סימכעלעך.

פאָטער: אָבער ניט שפּעט קומען אַהיים.

כאַיעלע: (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ) אוי, דער קאָפּ!

פאָטער: אַוואַדע גיב איך נאָך.

בערטע: און דו,מאַמע?

מוטער: געווים. און זאָל שוין נעמען אַ סאָף צו דער גאַנצער פּייניקונג.

פאַניע: און איצט דער לעצטער פּונקט. מיר מעגן לייענען און שרייבן אַלץ וואָס מיר ווילן.

רייזעלע: מיר מעגן שרייבן צעטעלעך וועמען מיר ווילן.

כאַיעלע: און מיר מעגן פון אַלעמען קריגן צעטעלעך (מיט אַמאָל כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ). אוי, דער קאָפּ! . . .

פּאָטער: (דערשלאָגן) נו גוט. איך גיב דאָס אויך נאָך. נו, דערלעבט צייטן. די אייער זאָלן לערנען די הינער. איך זע שוין, אַז מיט היינטיקע קינדער וועסטו גאָרנישט אויספירן. געוואָלט אייך פירן אויף די אַלטע וועגן. לערנען אייך, ווי מיין פּאָטער און מיין זיידע האָבן מיך געלערנט. גייט ניט. ס'האָט זיך איבערגעריסן. נו, איז פאַרפאַלן. ס'איז ניט אונדזער צייט. יענע צייטן זיינען אַוועק. ס'זיינען געקומען אַנדערע צייטן. אַנדערע קינדער. כ'וועל דאָך סיי ווי סיי ניט אויספירן. טאָ זאָל זיין ווי איר ווילט, ווי איר פאָדערט.

סאָניע: און דו, מאַמע?

מוטער: איך האָב שוין לאַנג נאָכגעגעבן. נו, קינדער, קומט עסן.

בערטע: מיר גייען שוין. מירן באַלד קומען.

מוטער: איך גיי גרייטן דעם טיש.

(מוטער און פּאָטער גייען אַרויס):

בערטע: (שרייט אויס) כאַווײרים און כאַווערטעס, קומט אַריין!

(זיי קומען אַלע אַריין).

סאָניע: (ענטפערט אויף די בייגעריקע בליקן פון די קינדער) זיי האָבן נאָכגעגעבן אַלע אונדזערע פאָדערונגען.

די קינדער: הוראַ! הוראַ! הוראַ!

די קינדער הייבן אָן זינגען אַ פריילעכס. זיי ווערן אַריינגע־צויגן אין אַ טאַנץ. עס קומען אַריין טאַטע מאַמע מיט אַן אויסגעשריי: קינדער, גייט עסן! די קינדער שלעפּן זיי אַריין אין טאַנץ און אַלע צוזאַמען, טאַנצנדיק, פאַרלאָזן די בינע.

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם